# אפט-געפרעגטע פראגן איבער מיזעלס

מיזעלס איז א גאר אנשטעקיגע ווירוס וואס פאראורזאכט פיבער און אן אויסשלאג (רעש). מיזעלס קען פאראורזאכן אנדערע ערנסטע געזונטהייט קאמפליקאציעס. יעדער מענטש וואס איז נישט וואקסינירט קען באקומען מיזעלס אין יעדע עלטער.

**וויאזוי פארשפרייט זיך מיזעלס?**
די מיזעלס ווירוס לעבט אין די נאז און האלז שליים פון אן אינפעקטירטער מענטש. ווען דער מענטש ניסט אדער הוסט, ווערט די ווירוס ארויסגעשפריצט אין די לופט, און מענטשן קענען ארייננאטעמען די ווירוס. די ווירוס בלייבט אקטיוו און אנשטעקיג אין די לופט פאר ביז צוויי שעה. מענטשן קענען אויך באקומען מיזעלס דורכן אנרירן עפעס וואס האט אויף זיך די ווירוס און דערנאך אנרירן זייערע אויגן, נאז אדער מויל.

מיזעלס איז גאר אנשטעקיג — אויב איין מענטש האט עס, וועלן 90% פון די מענטשן ארום דעם מענטש עס אויך באקומען אויב זיי זענען נישט וואקסינירט אדער נישט אימיון צוליב אן אנדערע סיבה.

**וואס זענען די סימפטאמען פון מיזעלס און ווען הויבן זיי זיך אן?**
פריע סימפטאמען פון מיזעלס רעכענען אריין א פיבער, וואס קען אנקומען צו מער פון 104 גראד פארענהייט (40 גראד צעלזיוס); א הוסט; רונענדיגע נאז; און רויטע, וואסערדיגע אויגן. דריי ביז פינף טעג נאך סימפטאמען הויבן זיך אן, קומט ארויף אן אויסשלאג מיט רויטע פלעקן אויף די פנים און דערנאך פארשפרייט זיך עס צו די גאנצע קערפער.

סימפטאמען הויבן זיך געווענטליך אן זיבן ביז 14 טעג נאכן קומען אין בארירונג מיט די ווירוס; סימפטאמען קענען זיך אנהויבן אזוי שפעט ווי 21 טעג נאכן ווערן אויסגעשטעלט.

**ווען קען א מענטש מיט מיזעלס עס פארשפרייטן צו אנדערע?**
א מענטש קען פארשפרייטן מיזעלס פון פיר טעג בעפאר ביז פיר טעג נאך זיי האבן צום ערשט א מיזעלס אויסשלאג.

**צי קען א מענטש באקומען מער פון מער פון איין מאל?**
ניין. מענטשן וועלכע האבן געהאט מיזעלס קענען עס נישט באקומען נאכאמאל.

**וויאזוי קען איך זיך באשיצן פון מיזעלס?**
וואקסינירט ווערן איז די בעסטע וועג צו פארמיידן מיזעלס. אין די פאראייניגטע שטאטן, איז די מיזעלס וואקסין אויסגעמישט מיט די מאָמפּס און רובעלא וואקסינען אין איין וואקסין פאר מיזעלס, מאָמפּס און רובעלא (measles, mumps and rubella, MMR). די MMR וואקסין איז זיכער און ווירקזאם. צוויי דאזעס פון די MMR וואקסין זענען בערך 97% ווירקזאם ביים פארמיידן מיזעלס; איין דאזע איז בערך 93% ווירקזאם. פאר מער אינפארמאציע איבער די MMR וואקסין, באזוכט [cdc.gov/measles](https://cdc.gov/measles).

**ווען זאלן מענטשן וואקסינירט ווערן?**
אין די פאראייניגטע שטאטן ווערט די ערשטע דאזע פון די MMR וואקסין געגעבן נאך א קינד'ס ערשטע געבורטסטאג. א צווייטע דאזע ווערט געגעבן בעפאר א קינד גייט אריין אין סקול ביי די עלטער פון 4 ביז 6 יאר. סיי ווער וואס איז געבוירן נאך 1956 וואס האט נישט באקומען צוויי דאזעס פון א מיזעלס-אנטהאלטנדע וואקסין אדער וואס האט נישט א בלוט טעסט וואס ווייזט אז זיי זענען אימיון קעגן מיזעלס זאל באקומען צוויי דאזעס פון די MMR וואקסין.

בעיביס פון 6 ביז 11 חודשים זאלן באקומען א פריע, צוגעלייגטע דאזע פון די מיזעלס וואקסין בעפארן ארויספארן אין אויסלאנד. קינדער פון 12 חודשים און עלטער זאלן באקומען צוויי דאזעס בעפאר אינטערנאציאנאלע רייזע. מאכט זיכער מיט אייער קינדער דאקטאר אויב איר פלאנירט א רייזע אז אייערע קינדער זענען באשיצט.

**צי קען מיזעלס פאראורזאכן אנדערע געזונטהייט פראבלעמען?**
יא. מיזעלס קען זיין ערנסט פאר מענטשן אין יעדע עלטער. אבער, קינדער אונטער 5 יאר אלט (און באזונדערס בעיביס), מענטשן וואס זענען טראגעדיג און מענטשן מיט א שוואכע אימיון סיסטעם (ווי פון קענסער באהאנדלונג אדער HIV זענען מער ווארשיינליך צו האבן קאמפליקאציעס פון מיזעלס.

בערך 20% פון מענטשן מיט מיזעלס וועלכע זענען נישט וואקסינירט ווערן האספיטאליזירט. געזונטהייט פראבלעמען פאראורזאכט דורך מיזעלס רעכענען אריין א לויזע מאגן, אויער אינפעקציעס, לונגען אנטצינדונג און ענסעפילייטיס (מוח אנטצינדונג). אין טייל פעלער קען מיזעלס פירן צו טויט. פאר מענטשן וואס זענען טראגעדיג, קען מיזעלס פירן צו פארלירן די אומגעבוירענע בעיבי, פריצייטיגע געבורט און בעיביס געבוירן מיט נידעריגע וואג. אין זעלטענע פעלער קענען מענטשן, עטליכע יאר נאכן האבן מיזעלס, באקומען א קאמפליקאציע פון צוביסליכע פאראהארטעוועדע מוח אנטצינדונג (subacute sclerosing panencephalitis, SSPE), א טויטליכע קראנקהייט פון די צענטראלע נערוון סיסטעם.

**צי איז דא באהאנדלונג פאר מיזעלס?**
עס איז נישטא קיין מעדיצין ספעציפיש פאר מיזעלס, אבער עס זענען דא מעדיצינען וואס קענען פארגרינגערן סימפטאמען ווי פיבער. מענטשן מיט קאמפליקאציעס וועלן מעגליך דארפן באהאנדלונג ספעציפיש פאר זייער געזונטהייט פראבלעם.

**וואס זאל איך טון אויב איך ווער אויסגעשטעלט צו מיזעלס אדער אויב מיין קינד ווערט אויסגעשטעלט צו מיזעלס?**
רופט באלד אייער דאקטאר. אייער דאקטאר קען אייך אונטערזוכן אדער אונטערזוכן אייער קינד און העלפן האלטן אן אויג פאר סימפטאמען. זיי קענען אויך באשטימען אויב איר אדער אייער קינד איז אימיון פון מיזעלס באזירט אויף אייער וואקסינען רעקארד, עלטער אדער בלוט טעסטס.

- מענטשן וואס האבן צוויי מיזעלס וואקסין דאזעס אדער וואס זענען אנדערש אימיון זענען באשיצט און נישט ווארשיינליך צו באקומען מיזעלס.
- אויב איר אדער אייער קינד איז נישט אימיון, וועט אייער דאקטאר אייך מעגליך רעקאמענדירן אן MMR וואקסין.
- אויב איר אדער אייער קינד איז אין העכערע סכנה פון קאמפליקאציעס, וועט אייער דאקטאר מעגליך רעקאמענדירן א מעדיצין וואס הייסט אימיון גלאַביוּלין.
- וואקסינירט ווערן אין די ערשטע דריי טעג נאכן צום ערשט ווערן אויסגעשטעלט אדער באקומען אימיון גלאַביוּלין אין די ערשטע זעקס טעג נאכן צום ערשט ווערן אויסגעשטעלט פארקלענערט די אויסזיכטן פון באקומען מיזעלס און קען פארגרינגערן די סימפטאמען אויב איר באקומט עס יא.
- מענטשן וואס באקומען אן MMR וואקסין נאכן ווערן אויסגעשטעלט זאלן נישט גיין אין דעי קעיר, סקול אדער צום ארבעט, און זיי זאלן זיך צוריקהאלטן פון קומען אין בארירונג מיט אנדערע מענטשן פאר 21 טעג. מענטשן וואס באקומען אימיון גלאַביוּלין זאלן זיך צוריקהאלטן פון די אקטיוויטעטן פאר 28 טעג.

**וואו קען איך טרעפן א דאקטאר אדער וואקסינאציע לאקאציע?**
פאר הילף צו טרעפן א דאקטאר, רופט 844-692-4692 אדער **311**. רוב קינדער דאקטוירים אפפערן די MMR וואקסין. צו טרעפן אנדערע וואקסינאציע לאקאציעס, רופט **311** באזובט nyc.gov/health/map אדער באזובט nyc.gov/health און זוכט פאר "immunization clinics" (אימיוניזאציע קליניקס). פאר מער אינפארמאציע איבער מיזעלס, באזובט nyc.gov/health/measles.